בעריכט-אויסגאבע פון דער לאנדעס-קאנפערענץ-פרייז 1 זל.

# בית יעקב
## חודש זשורנאל

ארגאן פאר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען

רעדאקטאר: א. ג. פרידענזאן

דער ציעל פון די בית-יעקב שולען: צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטארישע אייביגקייט'ס-אידעאלען.

אבאנאמענטס-פרייז: א יאהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאלאר. — געלד פריהערויס. אדרעס פאר געלד: Łódź, P. K. O. 65.613

דאס פראגראם פון בנות אגודת ישראל: פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פראבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה.

נומער 43

6 יאהרגאנג

## די קאנפערענץ האט פראקלאמירט!

צווישען די פערשידענע וויכטיגע בעשלוסען פון דער לאנדעס-קאנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילען, וועלכע איז פארגעקומען אינ'ם פערגאנגענעם חודש איז אויך געוועזן דער בעשלוס, אז די קאנפערענץ פראקלאמירט א אקציע אין די חדשים פון סיון און תמוז ה. י. זאל געשאפען ווערען טויזענד נייע אבאנענטען פאר'ן ב"י זשורנאל און מיט צופרידענהייט קאנסטאטירען מיר אז דער דאזיגער בעשלוס, איז שוין דורך א טייל דעלעגאטינס פון דער קאנפ. אויסגעפיהרט געווארען. אזוי האבען מיר בעקומען פון געוויסע ערטער איינגעצאהלט פאר נייע אבאנענטען. מיר ווענדען זיך אבער איצט צו אלע וואס ווילען זעהן די בעוועגונג פון ב"י און בא"י, וואס ווייטער אלס גרעסער, שטארקער און מעכטיגער אין דער דאזיגער אקציע זאפארט זיך צו בעטייליגען.

אין יעדען ארט וואו ס'זענען פערהאן שולען און ארגאניזאציעס, דארף תיכף ומיד ווערען דורכגעפיהרט די אקציע פון פערגרעסערען די צאהל אבאנענטען אויף דאפעלט און אין די ערטער, וואו ס'זענען כלל נישט פערהאן ביז איצט קיין אבאנענטען, דארף זיך שאפען א פרעסע-קאמיסיע, אונז א געהעריגע צאהל אבאנענטען צו פערשאפען אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער קאנפערענץ.

מיר פון אונזער זייט נעמען אויך אויף זיך געגענזייטיגע פליכטען פאר'ן זשורנאל אין יעדען פרט. מיר וועלען זיך ווייטער בעמיהען וועגען ארויסגעבען רעגולער ווי ביז איצט, דעם זשורנאל יעדען חודש פינקטליך. מיר פערגרעסערען די צאהל זייטען פונ'ם זשורנאל און גלייכצייטיג האבען מיר זיך שוין געשטעלט אין פערבינדונג מיט א רייהע אנגעזעהענע ארטאדאקסישע שריפטשטעלער און ליטעראטען, בכדי דעם תוכן פון זשורנאל צו בעסער צו בערייכערן. און שוין פונ'ם קומענדיגען נומער אן, הייבען מיר אן דרוקען פאלגענדע נייע ארבייטען.

1) די איבערזעצונג אין יודיש פונ'ם בעוואוסטען ספר, וואס גיט אונז גענויע בעגריפען און אנווייזונגען, בנוגע דער יודישער עטיק און מאראל „מסלת ישרים". די דאזיגע ארבייט האט אויף זיך גענומען אונזער חשובער מיטארבייטער דער לייטער פון דער קרן-התורה צענטראלע אין פוילען, ה' א. ז. פרידמאן. אין יעדען נומער וועלען זיין געדרוקט קאפיטלען אין א שעהנעם פאפולערען ודיש פונ'ם דערמאנטען בעריהמטען גרויסען ווערק.

2) מיר הייבען אן דרוקען אין א יודישער איבערזעצונג דורך ה' ד"ר מרדכי ראזנער, די אפהאנדלונגען וועגען דער ראלע פון דער יודישער פרוי אין לעבען (ערשט נישט לאנג ערשינען אין דייטש) דורך דעם בעקאנטען אלטען ארטאדאקסישען שריפטשטעלער גימנאזיאל-דיר. ה' פ. געטץ פון ריגא.

3) פון קומענדיגען נומער אן פיהרען מיר אויך איין אין זשורנאל א שטענדיגע פעדאגאגישע אפטיילונג אונטער דער ליי-

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
ŁÓDŹ, Czerwiec 1929 r.

# “BAJS JAKOW„

Cena 1 Zł.
(miesięcznik)

ROK VI zeszyt 9 (43)
Adres Red. „Bajs Jakow“
Łódź, Aleksandrowska 28.
P.K.O. 65.613

א ברכה׳פולען מזל־טוב ווינשען מיר צו דער פערלאָבונג פון אונזער ב.א.י. פערוואלטונגס־מיטגלידערין פרל. נ ע מ י ש א פ ר א ן (ווישקאָוו) מיט ה׳ א ל ט מ א ן (נאשעלסק) און פרל. פ א ס י ק א ו י ט ש מיט ה׳ מ. ו י ל ע נ ס ק י (ווישקאָוו). זאָל ג—ט גליק הארמאָניש זייער נייעם לעבענס־וועג דורכשטראהלען.

ווישקאָוו—ב״י־פערוואלטונג, לעהרערין מרים טויבע, בנות אגודת ישראל.

מיר ווינשען א הארציגען מז״ט אונזער ל. פריינדין פרל. נ ע מ י ש א פ ר א ן (ווישקאוו) צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ י ע ק י ל א ל ט מ א ן (נאשעלסק). אייער צוקונפט זאָל מיט בלומען פון אונזער אידעאל זיין בעצירט.

ו י ש ק אָ ו

שוועסטערן: גושע און חי׳ פאסקאָוויטש

א ברכה׳פולען מז״ט ווינשען מיר אונזער זעהר חשובע און טרייע מיטארביי־טערין פרל. ל א צ ע ש ט ש ע ר י י נ ס ק א צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ מ ש ה א ל י מ ל ך ו ו א צ י א ז ש—זאָל דער אלמעכטיגער אייער נייען לעבענס־וועג בעשיינען מיט די גייסט־רייכסטע ברכות און הימליש גליק.

ק ש א נ אָ ו

לעהרערין פרל. קליין, בנות אגודת ישראל

א הארציגען מזל טוב ווינשען מיר צו דער פערלאָבונג פון אונזער אידעאלער מיטארבייטערין פארן אָרטאָדאָקסישן געדאנק פרל. ל א ה י א ק ו ב אָ ו י ט ש (זד־וואָלא) מיט ה׳ י ה ו ד ה מ א י ר ב ל א כ ש ט י י ן (קאליש). זאָל ג—ט אייך געבען אייביג גליק און אייביגע יוגענד!

זד־וואָלא

יוגענד־גרופע ביי „בנות אגודת ישראל“

פון טיפען הערצען ווינש איך מזל־טוב איינע פון מיינע עלטסטע שילערינס פרל. ח י׳ ש י י נ מ א ן (אָסטראָוויעץ) צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ צ י ט ר י ן—איהר זאָלט זוכה זיין דעם אלטען בית־יעקב אויפצובויען.

שרה שענירער

מז״ט! פיל גליק און א סך ברכות ווינש איך דער ג׳ לעהרערין פרל. ה י ש יינ־מ א ן (אָסטראָוויעץ) צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ צ י ט ר י ן—אייביגע צופרידענהייט זאָל אייך בעגלייטען.

לאָדז פרוי גאָלדמאַן

די רעדאקציע בית־יעקב־זשורנאל ווינשט א הארציגען מזל־טוב די פריינדין פון זשורנאל פרל. ה ע נ ד ל ב ר כ ה ו ו י י נ מ א ן, פון שידלאָוויעץ צו איהר פערלאָבונג.

א ברכה־פולען מזל טוב ווינשען מיר אונזער חברטאָרין פרל. ה ע נ ד ל ב ר כ ה ו ו י י נ מ א ן (שידלאָוויעץ) צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ י ח ז ק א ל ש י ט ע נ ב ע ר ג (פיעטרקוב).

שידלאָוויעץ

לעהרערין האָראָוויץ 4 בית־יעקב־קורס

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער איבערגעגעבענע בנות־מיטגלידערין פרל. ר ח ל ג אָ ר ד אָ ן צום פריהצייטיגען טויט פון איהר שוועסטער ח נ ה ע״ה. אין איהר ארבייט פאר׳ן בנות־אידעאל זאָל זי געטרייסט ווערען.

ווארשא

בנות אגודת ישראָל

אינגאנצען דערשיטערט פון גרויסען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען מיין הארצענס־געליבטע פריינדין פרל. ר ח ל ג אָ ר ד אָ ן צום פריהצייטיגען טויט פון איהר הייסגעליבטער שוועסטער ח נ ה ע״ה, דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל, זאָל דער וואָס טרייסט, די וואָס טרויערן נאָך ציון, אויך דיך טרייסטען.

דיין טרייע רויזע בוכמאַן—ווארש[illegible]

די ביליגסטע קוועלע פון

## שיך און פאנטאפעל!

אלער־ארט שיך און פאנטאָפעל, מאָרגען־שיך, פון די פיינסטע סאָרטען לעדער און לאקיר, גאנץ בעזונדער א גרויסען אויסוואהל פון

ק י נ ד ע ר־ש י ר.

ספעציעלע שוה צו גימנאסטיק פאר שול קינדער

בעסטע קוואליטעטען!—ערשטקלאסיגע אויסארבייטונג!

קויפט נאָר ביי דער פאָפולערער און רעעלער פירמא

„RENOMA“
Łódź, Piotrkowska 7

## דאנקזאגונג

מיר דריקען אויס א אויפריכטיגען יישר־כח די אונטען דערמאָנטע פערזאָנען און אינסטיטוציעס פאר זייער פינאנציעלער מיטהילף דורכצופיהרען דעם לאנדעס־צוזאמענפאָהר פון בנות אגודת ישראל אין פוילען: הרב דר. ל. יונג שליט״א; פרוי שרה הערצאָג—ניו־יאָרק; אגודה־פרעזעס ר׳ נחמן שווארץ און די פרנסים ר׳ יוסף וואוידיסלאווסקי און ר׳ בן־ציון ליפשיץ און דעם מיטגליד פון בית יעקב קוראטאָריום ר׳ לייב פיינגאָלד — לאָדז; אגודת ישראל—לאָדז; הרב יצחק מאיר לעווין שליט״א — ווארשא; אגודה־צענטראלע—ווארשא; ר׳ יוסף ווארשאָווער — ווארשא.

צענטראלער סעקרעטאריאט
פון „בנות אגודת ישראל“
אין פוילען

Red. i wyd. Lezer Gerszon Frydenzon.
Tłocznia J. Djament. Łódź, Kilińskiego 50